ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# תפארת צדיקים

## חלק שני

אידיש

**629**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# תפארת צדיקים

## חלק שני

דאָ ווערט בעשריבען פיל שענע ערצעלונגען
פון די גרעסטע צדיקים און חסידים

פון

הרב הקדוש ר׳ ישראל׳טשי רוזינער זצ״ל.
הרב הקדוש דער בעל שם טוב זצ״ל.
הרב הקדוש ר׳ זיסיא פון אניפאלי זצ״ל.

אויך האָבן מיר צוגעגעבן אַ ווונדערליכע מעשה ווי מען האָט פון הימעל מזמין געווען אַנ׳אָרימאַן אויף צרכי שבת.

**און פון נאָך אַנדערע צדיקים זייער זכות זאָל אונז ביישטיין.**


פערלאַג און אייגענטום פון ב. ליבעסקינד,
בוכדרוקעריי און בוכהאַנדלונג אין פיעטרקאָוו.

# פיעטרקוב

נסדר בדפוס החדש אצל ב. ליבעסקינד, סט. וואַרש. 12.

שנת תרפ״ז לפ״ק

Printet in Poland.

# טו

# נאָך אַ וואונדערליכע מעשה פון הרב הקדוש ר׳ ישראל׳טשי רוזשינער זצ״ל

ווען דער רוזשינער האָט זיך נאָך נישט געהאַט בעזעצט אין סאדיגורא האָט ער געוואוינט אין סקאָלא איין מאָל האָט ער געפרעגט די שטאָדט־לײַט פון סקאַלא אויב עס איז דא און דער שטאָדט אַן אַלטער מאַן, וועלכער האָט געקאָנט דעם בעש״ט ז״ל, האָבען איהם די שטאָדט לײַט געענטפערט עס געפינט זיך דאָ אין שטאָדט אַנאַלטער מאַן וואָס האָט דעם בעש״ט ז״ל געקענט, דער הרה״ק האָט צו זיי געזאָגט, איך וואָלט גערן געוואָלט, אַז דער אַלטער מאַן זאָל צו מיר קומען, די חסידים זענען תיכף געגאַנגען ערפילען דעם ווילען פון הרה״ק און אַהער רופען דעם אַלטען מאַן, נאָר דער אַלטער האָט נישט געוואָלט קומען, די שלוחים זענען צוריק געקומען מיט׳ן ענטפער אַז דער אַלטער וויל נישט קומען און צוויי דרײַ טעג אַרום האָט דער הרב הקדוש ווידער צו זײַנע חסידים געזאָגט; איך וואָלט גער׳ן געוואָלט אַז דער אַלטער זאָל צו מיר קומען! נאָר אויך בײַם צווייטען מאָל האָט זיך דער אַלטער אײַנגעשפאַרט און נישט געוואָלט קומען עס איז דורך געגאַנגען עטליכע טעג און דער רב האָט ווײַטער געקריגען חשק זיך צו זעהען מיט׳ן אַלטען מאַן און האָט געבעטען זײַנע חסידים זיי זאָלען פאַר איהם ברענגען דעם אַלטען, זענען די חסידים צום דריטען מאָל געגאַנגען צום אַלטען און אָן איהם שטאַרק אָנגעהאַלטען ער זאָל געהען צום הרב הקדוש, און אויב ער וועט זיך דאָס יעצטיגע מאָל אויך אײַנשפאַרען וועלען זיי איהם נעמען בכח, מיט געוואַלד, דער אַלטער איז בעשטאַנען אויף

זייער

זייער פערלאנג און איז מיט זיי געגאנגען צום רב, ווען ער איז אנגעקומען צום רב האט ער איהם שלום געגעבען און געזאגט צו איהם עס זאל אייך נישט פערדריסען, וואס איך האב מיך איינגעשפארט און נישט געוואלט צו אייך קומען באלד נאר הערשט צום דריטען מאל, בעוויל איך קען מיך נישט דערנעהנטער׳ן צו קיין שום צדיק, מחמת איך האב מיט מיינע אויגען געזעהען, ווי דער בעש״ט ז״ל האט מחיה=מתים געוועזן און ווי ארום קען איך מיך דערנעהנטער׳ן צו איין אנדער׳ן צדיק אויסער דעם בעש״ט ז״ל, און דער אלטער האט וועגען בעש״ט ז״ל דערצעהלט די מעשה.

אין דעם דארף. ווי איך וואוין יעצט, האט א מראטשניק געארבייט ביי א מילנער, דער מילנער איז געוועזן זעהר א רייכער מאן, און פלעגט צייטענווייז פאהרען צום בעש״ט ז״ל, פלוצלינג איז דעם מראטשניק׳ס ווייב קראנק געווארען, האט דער מראטשניק פערלאנגט פון מילנער ער זאל איהם ערלויבען צו נעהמען זיין פוהרעל און ער וועט דערויף פאהרען צום בעש״ט זצ״ל קיין מעזיבוז דער מילנער האט איינגעשטימט דערויף און איהם ערלויבט צו נעהמען זיין פוהרעל און פאהרען דערויף קיין מעזיבוז צום בעש״ט ז״ל דער מראטשניק האט איהם דערנאך געבעטען ער זאל מיט איהם מיטפאהרען און אויך צו דעם האט ער מיט געשטימט, זענען ביידע דער מילנער מיט׳ן מראטשניק געפאהרען צום בעש״ט ז״ל און איהם געבעטען ער זאל מיט זיי מיט פאהרען צו די קראנקע פרוי אום זי צו היילען, דער בעש״ט ז״ל האט איינגעווילינגט דערויף און גלייך מיט זיי געפאהרען. ווי זיי זענען נור אנגעקומען אין דארף אריין, איז זיי אנטקעגען געקומען דעם מראטשניק׳ס הויז=געזינד און זיי אנגעזאגט די שלעכטע בשורה אז דעם מראטשניק׳ס ווייב איז שוין טויט און אז זייערע גאנצע טרחה איז אומזיסט, דער בעש״ט איז אבער דערפון גאר נישט נתפעל געווארען, אין איז אין בעזונדער צומער אריינגעגאנגען, וועלכער מען האט פאר איהם געהאט עקסטרא אנגעגרייט ער האט צו זיך אריינגערופען דעם מראטשניק. און איהם געהייסען אריינגעהען צו זיין געשטארבענע פרוי און איהר איינרוימען אין אויער די ווערטער! „רבקה שטעה אויף און געה מיר קאכען א נאכט=עסען, ווארום מען האט דא א טייערען גאסט, ר׳ ישראל בעל=שם=טוב״, דער מראטשניק האט אלעם געפאלגט וואס דער בעש״ט האט איהם געהייסען. האט איהר און אויער איינגערוימט די זעלבע ווערטער, נור זי איז ווייטער געליגען טויט ווי פריהער און האט זיך נישט געגעבען קיין ריהר מיט׳ן קלענסטען אבר, דער מראטשניק איז צוריק געקומען צום בעש״ט און איהם געזאגט, אז ער האט אלעם געטוהן וואס ער האט איהם געהייסען און עס האט גאר נישט געהאלפען האט דער בעש״ט איהם געהייסען נאך אמאל דאס זעלבע טוהן וואס פריהער, אבער אויך דאס מאל האט גאר נישט

ת״צ נעהאלפען

נעהאָלפען , דער בעש״ט ז״ל האָט נעהייסען איהם נעהען צום דריטען מאָל און איהר ווייטער אַיינרוימען דאָס זעלבע און ענדיגען מיט די ווערטער , „אויב דו וועסט נישט אופשטיין וועל איך דיך מיט מיין שטעקען שלאָגען״ , כן הוה , דער מראַטשניק איז צו איהר אַריינגעגאַנגען דאָס דריטע מאָל און איהר אַיינגערוימט דאָס זעלבע וואָס פריהער און אויך אויסגעלאָזט ווי דער בעש״ט האָט איהם נעהייסען , תיכף איז אַריינגעקומען אַ לעבעדיגער גייסט אין זיין פרוי , זי האָט זיך אופגע= הויבען פון דר׳ערד און אויסגעווישט זיך די אויגען פונקט ווי איינער וואָס שטייט אויף פון שלאָף און איז געגאַנגען קאָכען נאַכט=עסען , דאָס האָב איך אַליין געזעהען מיט מיינע אויגען ווי דער בעש״ט ז״ל האָט מחיה מתים געווען , און ווי אַזוי קען איך מיך דערנעהנטער׳ן צו אַנ׳אַנדער׳ן צדיק אויסער דעם בעש״ט הקדוש .

האָט דער רוזשינער זצ״ל געזאָגט צום אַלטען . אויך איך וועל אייך דערצעהלען אַ וואונדערליכע זאַך פון מיין זיידען דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זצ״ל , עס איז געווען אַרייבער מאַן וואָס האָט געהייסען משה זעהר אַ כבוד׳ער מענש , וועלכער איז געפאָהרען צום רבי ר׳ בער זצ״ל , איינמאָל איז דער איינענער גביר געוואָרען רח״ל איין אָרו= מאַן און איז געקומען צו מיין זיידען זצ״ל צו דערצעהלען אַלע זיינע צרות האָבען איהם די גבאים נישט אַריינגעלאָזט , מחמת ער איז יעצט געקומען אַלס אָרימאַן און קאָן זיי נישט געבען עפּיס געלד אַזוי ווי פריהער , האָט ער זיך איין עצה געהאַלטען מיט די חסידים , וועלכע האָבען איהם שוין פון לאַנג געקענט , די חסידים האָבען איהם אַזוי געזאָגט , מאָרגען וועט דאָ זיין אַ ברית , און דער בעל=ברית האָט דעם רבי׳ן מכבד געווען מיט סנדקאות דעמאָלט וועט זיין די בעסטע געלעגענהייט פאַר דיר בעהאַלטענער=הייד אַריין צו געהען אין רבינ׳ס חדר אָהן שום שטערונג און ווען דער רבי וועט צוריק קומען פון ברית וועסט דו פאַר איהם אויס דערצעהלען דיין ביטער האַרץ , עס איז טאַקע אַזוי געווען . צומאָרגענ׳ס ווען דער רבי איז געגאַנגען אויפ׳ן ברית איז משה דער געוועזענער גביר אַריין בעהאַלטערנער=הייד אין רבינ׳ס חדר און אַז דער רבי איז צוריקגעקומען האָט דער אומגליקליכער משה שטאַרק אָנגעהויבען וויינען פאַר׳ן רבי׳ן און פאַר איהם דערצעהלט זיין דוחק און שמערץ , האָט דער רבי איהם נעענטפערט ער זאָל דינגען די קרעטשמע און גאָט וועט איהם צוהעלפען , האָט ער געזאָגט צום רבי׳ן . מיט וואָס וועל איך דינגען די קרעטשמע , מיט ליידיגע הענד ? אַז קיין הוצאות אויפ׳ן וועג האָב איך אויך נישט ? און צו דינגען אַ קרעטשמע דאַרף מען דאָך עטליכע הונדערט גילדען ! דער רבי האָט איהם נאָכאַמאָל געזאָגט מיין עצה איז דו זאָלסט דינגען אַ קרעטשמע אין גאָט ב״ה וועט שוין העלפען ! אין דער רבי האָט איהם געגעבען אויף הצלחה אַ זילבערנע מטבע און זיך געזעגנט מיט איהם . ווי ער איז נור אַרויסגעגאַנגען פון רבינ׳ס שטוב

איז ער געוועזן שטארק פערצווייפעלט ער האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, און וואוהין צו פאהרען, פונדעסטוועגען האט ער זיך געשטארקט און גלויבען פון רבי׳ן אין איז גלייך געגאנגען אויף דעם וועג ווי די פוהרען שטעהען. און האט געזעהען ווי איין פיהר שטעהט שוין גרייט צו פאהרען, האט ער דעם פוהרמאן געפרעגט וואוהין ער פאהרט יעצט? האט איהם דער פוהרמאן געענטפערט. אז ער פאהרט אויף דעם און דעם ארט, דער פוהרמאן האט בעשטאנען איהם מיט צו נעמען פאר זעהר ווענינ געלד און איז געפאהרען אויף דער פוהר, ער האט נישט געוואוסט דאס ציעל פון זיין פאהרען, נור האט געגלויבט און דער ברכה פון זיין רבי׳ן אז מסתמא וועט איהם שוין גאט ווייזען דעם ריכטיגען וועג, ווי ער פאהרט אזוי זעהט ער פון דערווייטען, ווי ביי א קרעטשמע שטעהען א סאך וועגען מיט פיעל מענשען ער האט דעם פוהרמאן געפרעגט די סבה פון דעם געשטעה, האט איהם דער פוהרמאן ערצעהלט אז אין דער קרעטשמע איז אנ׳אויפהאלט פון שדים און מזיקין און שוין פון פיעל יאהרען שטעהט זי לעהר. ווייל קיינער וויל זי נישט דינגען אין דארט שטעלען זיך אפ פיעל בעלי=עגלות מיט זייערע וועגען אבצירוהען זיך, האט זיך משה אבגערופען צום בעל=עגלה איך וויל די קרעטשמע דינגען, דער בעל=עגלה האט זיך אויסגעלאכט פון איהם און איהם געהאלטען פאר א משוגע׳נעם, דען אויסער דעם וואס דארט געפינען זיך פיעל שדים, האט ער און איהם אויך בעמערקט אז ער איז איין ארימאן ווי זיי זענען דארט א הינגעקומען, האט דער בעל=עגלה געזאגט מיט אגלעכטער צו די גוים וואס זענען דארט געשטאנען זעהטס, איך האב ענק געבראכט א יודעל, וועלכער וויל די קרעטשמע דינגען, די גוים האבען געפרעגט משה׳ן אויב עס איז וואהר אז דו ווילסט דינגען די קרעטשמע? משה האט זיי געענטפערט; יא. עס איז אמת, כ׳וויל טאקע דינגען תיכף האט מען איהם געבראכט צו פיהרען צום פריץ און אזוי ווי ער איז אמאל געווען א גרויסער סוחר, האט ער גיט פוילש גערעדט, דער פריץ האט איהם גרויסארטיג אויפגענומען און האט איהם דערצעהלט, אז ביז אהער איז די קרעטשמע געשטאנען לעהר און פוסט, ווייל וויפיעל מענשען עס האבען דארט געוואוינט זענען געשעדיגט געווארען, האט איהם משה געענטפערט איך פערזיכער מיך אין גאט ב״ה אז ער וועט מיר אין אלעם העלפען און עס וועט מיר גאר נישט שאדען און דיר פריץ, דאנק איך, וואס דו האסט מיר דעם גאנצען אמת אויסגעזאגט אין קיין זאך בעהאלטען פון מיר און וויפעל געהט עס שכירות א יאהר? האט דער פריץ געענטפערט איך וועל דיר די קרעטשמע פערדינגען זעהר וואלוועל און אפשר האסט ביי זיך נישט קיין געלד צו בעצאהלען איין ראטע און אויף קויפען בראנפען בארג איך דיר און דורכ׳ן יאהר וועסט דו מיר איינציגוויים אויסצאלען האט משה געזאגט צום פריץ איך מיט מיין גאנץ הויז=געזינד וואוינען פון דאנען זעהר ווייט, דעריבער בעט איך זיין כבוד ער זאל מיר געבען


ווענען

זועגען און פיהרען אַהער צו פיהרען מיינע גאַנץ הויז=געזינד מיט מיין מעבעל דער פריץ איז דערויף בעשטאַנען און האָט איהם געגעבען פיהרען ווי ער האָט פערלאַנגט. און משה האָט זיך בעזעצט אין די קרעטשמע און די גאַנצע צייט איז געוועזן רוהיג און קיין שום שדים און מזיקין האָבען זיך דאָ נישט בעוויזען, משה האָט געהאַט פיעל גליק אין דער קרעטשמע ער האָט שוין אָבגעצאָהלט אַלע חובות דעם פריץ און איז געוואָרען רייך ער איז געוואָרען שטאַרק חשוב ביים פריץ, און אַלע זיינע געשעפטען האָט משה געפיהרט.

דער פערוואַלטער פון פריץ האָט אָבער געהאַט קנאה אויף משה׳ן און האָט איהם זעהר פיינד געקריגין מחמת ער האָט געזעהען ווי משה זוערט נאָך פיעל בעליעבטער ביים פריץ ווי ער זעלבסט, די שנאה אָבער האָט ער פערבאָרגען ביי זיך אין הערצען און האָט קיינעם דערפון נישט אויסגעזאָגט, איינמאָל האָט דער פריץ גערופען משה׳ן און איהם געזאָגט איך וויל קויפען זעהר אַ סאַך אָקסען אויף צו פיטערן און וויל איך קען דיך אַלס בעגלויבטער און אָרענטליכער מענטש, דעריבער גיב איך דיר דאָ 50 טויזענד רובל, דו זאָלסט פאָהרען אויף דעם גרויסען יריד דאָרט צו קויפען די אָקסען און זיי דאָ אַ הערברענגען, איך פערלאָז מיך אויף דיין מבינות. מסתמא וועסטו שוין וויסען אויסצוקלייבען גוטע סחורה און איך וועל דיר בעצאָהלען פאַר די טרחה פון וועג, משה איז מיט דעם בינטעל געלד אַהיים געגאַנגען מיט גרויס פרייד און האָט זיין ווייב אַלעס דערצעהלט און זיך צו געגרייט צו די רייזע, האָט דאָס ווייב איהם געזאָגט מיין עצה איז, דו זאָלסט פאָהרען פריהער קיין מעזריטש צום רבי׳ן ער זאָל דיר אָנווינשען אויפ׳ן וועג, דערנאָך זאָלסט דו פאָהרען אויפ׳ן יריד, דעם ווייבס עצה איז איהם זעהר געפעלען און האָט טאַקע אַזוי געטוהן, דער פערוואַלטער ווידער פאַר גרויס קנאה און שנאה דעם יוד האָט ער געטראַכט אויף איהם שלעכטע געדאַנקען צו הרג׳נען איהם און פערניכטען, האָט ער צו זיך אַ היים גערופען דריי גוים פון זעלבען דאָרף און האָט זיי אַזוי געזאָגט, אונזער פריץ האָט דעם יוד משה געגעבען אַ גרויסע סומע געלד 50 טויזענד רובל, אַז ער זאָל פאָהרען אויפ׳ן יריד קויפען אָקסען, איך האָב זעהר פיינד דעם משה׳ן דעריבער וועט יעדער פון אייך קריגען הונדערט רובל עטץ זאָלט געהען אין וואַלד אַריין און איהם אָבוואַרטען ווי נור ער וועט אַדורכ=פאָהרען זאָלט עטץ איהם אָהן שום דערבאַרמונג דערהרג׳ענען אויפ׳ן אָרט און די גרויסע סומע וואָס ער האָט ביי זיך פון פריץ קענט עטץ ענק נעמען אַלס אַ געשאַנק פאַר ענקער מוטהיגקייט. די דריי גוים האָבען דערויף איינגעשטימט זיך מיט געניטען עסען אויף 2 טאָג און אויך אַ האַק און אַנדערע כלי=זיין און אין וואַלד אָבגעצאָטעוועט אויף משה׳ן.

**אין דער זעלבער צייט איז משה געוועזן ביים רבי׳ן פון מעזריטש**

## אַ וואונדערליכע מעשה פון הרה"ק ר' ישראל'טשי רוזינער זצ"ל

און בעשלאָסען דאָרט אָבצוהאַלטען שבת און שבת צו נאַכט זיך נעזע=
גענען מיט'ן רבי'ן און צום מאָרגען'ס אַרויספאָהרען אויפ'ן יריד ווייל דער
יריד האָט זיך ערשט אָנגעהויבען מאָנטאַג מיין זיידע זצ"ל האָט נאַנץ
ניט געזעהען אַז משה פאָהרט צו איהם האָט ער אָנגעזאָגט אַלע גבאים
זיינע זיי זאָלען איהם נישט אַריינלאָזען פאַר קיין שום געלד בשום
אופן און דער וועלט, ביז ער אַליין וועט זיי געבען רשות דערצו משה
האָט זיך שטאַרק נעאיילט און וועג אַריין און דעריבער ווען ער איז
געקומען צום רבי'ן האָט ער גלייך געוואָלט צו איהם אַריינגעהען די
משמשים האָבען אָבער איהם נישט אַריינגעלאָזט אַזוי ווי דער רבי
האָט זיי אָנגעזאָגט, ער האָט אָהן זיי שטאַרק אָנגעהאַלטען און צוגעזאָגט
פיעל געשענקער אין אַ סאַך געלד, נור עס האָט גאָר נישט געהאָלפען
מחמת זיי האָבען איהם געזאָגט אַז אַזוי האָט דער רבי זיי אָנגע=
זאָגט, אַזוי האָט דער רבי איהם נישט ערלויבט אַריינצוקומען נישט
שבת, זינטאָג, מאָנטאַג ביז דינסטאָג, מען קען זיך אַליין פאָרשטעלען
ווי גרוים עס איז געווען דאָס עגמת=נפש פון משה. אין דריטען טאָג
איז הערשט משה צום רבי'ן אַריינגעקומען ער האָט זיך פאַר'ן רבי'ן
בעקלאָגט אויף די משמשים וועלכע האָבען איהם ביז יעצט נישט
אַריינגעלאָזט און אויף אַזאַ אופ'ן וועט ער דאָך פערשפעטיגען דעם
יריד, האָט דער רבי עהם געטרייסט מיט די ווערטער · האָב נישט קיין מורא
דו וועסט גלייך פון דאַנען פאָהרען אין דער נאָהנטער שטאָדט אַריין
און דו וועסט קויפען דאָרט גוטע אָקסען מיט אַגוטען מקח, כן הוה,
עס איז טאַקע אַזוי געווען, ער איז געפאָהרען אין דער שטאָדט וואו
דער רבי האָט איהם געהייסען, האָט דאָרט געקויפט אָקס'ען מיט אַ גוטען
מקח און איז אַהיים געקומען פרעהליך, ווען ער איז אַהיים געקומען
איז איהם דער פריץ מיט שמחה אַקעגען געגאַנגען מחמת ער האָט
געזעהען אַז ער האָט געקויפט גיטע און גרויסע אָקסען מיט אַגרויסע
סומע געלד ווי זיי ביידע רעדען אַזוי קומען אָהן די דריי גוים, וואָס
דעם פריץ'ס פערוואַלטער האָט געשיקט דעם יוד צו הרג'ענען, וועלכע
האָבען ביז יעצט אין וואַלד אומזיסט געוואַרט אויף משה'ן ער זאָל
דאָרט אַדורך פאָהרען, און ווי זיי האָבען דערזעהען ווי דער פריץ
שמועסט זיך אַזוי ליעבליך אוים מיט דעם יוד און לויבט איהם, אַז
ער האָט איהם געקויפט גיטע אָקסען זעהר ביליג, האָבען זיי אויסגע=
זאָגט דעם סוד דעם פריץ, וואָס דער פערוואַלטער האָט זיי אָנגערעדט
צו הרגע'נען דעם יוד און ווען דער יוד זאָל געווען אַדורך פאָהרען
דורכ'ן וואַלד וואָלטען מיר איהם נעווים געהרגעט, דער פערוואַלטער
איז ביי דעם אַלעם געשטאַנען און געשוויגען, דען ער האָט גאָרנישט
פון דעם אַלעם געקענט אָבלייקענען דער פריץ און משה זענען זעהר
דערשראָקען געוואָרען, דער פערוואַלטער האָט געקריגען בעצאָהלט פון
פריץ אַזוי ווי ער איז ווערט געווען, דעמאָלט האָט ערשט דער ער
געזעהען בעשיינפערליך, אַז דער רבי איז גערעכט געווען וואָס ער
האָט

האט איהם אויפגעהאלטען עטליכע טעג, ווארום אזוי ארום האט ער איהם גערעטעט פון טויט, און ער האט געדאנקט גאט ב"ה פאר זיין גרויס חסד, זיין זכות זאל אונז בייששטעהען אמן, דאס אלעס האט דער רוזשינער דערצעהלט דעם אלטען מאן.

# טז.

## נאך אמעשה נפלא פון הרה"ק ר' ישראל'טשי רוזשינער זצ"ל.

אין דער שטאדט טוטויעוו האט געוואוינט א בכבוד'ער עושר מיט'ן נאמען יוסף, אלע קהלה=זאכען איז געפיהרט געווארען לויט זיין דעה ער איז דארט געוועזען גבאי פון די חברה קדושה און אויך פון די רוזשינער חסידים ער איז עטליכע מאל אין יאהר געפאהרען צום רבי'ן און קיין שום זאך אין מסחר האט ער נישט געטוהן אהן רבינ'ס וויסען אין דער איינענער שטאדט האט אויך געוואוינט אנ'אלטער רייכער מאן, וועלכער האט זיך אינ=גאנצען נישט געמישט אין כלל=זאכען איינמאל האט ער צו זיך גערופען די חברה קדושה און זיי אוועקגעשענקט אפאר ניטע זילבערנע לייכטערס, און פאר דעם האט ער ביי זיי געקויפט א קרקע פאר זיך ווי ער האט זיך זעלבסט אויסגעקליבען ביים לעבען, די פאר לייכטער זענען געלעגען ביי דעם גבאי ר' יוסף, אין אצייט ארום איז דער אלטער געשטארבען און מע'האט איהם בעגראבען אין דעם זעלבען קבר, וואס ער האט זיך ביים לעבען געקויפט נאכדעם האט די שטאדט געזעהען אז מען דארף פערברייטער'ן דאס בית=הקברות, מחמת עס איז שוין נישטא קיין איין לייריג ארט, האבען די שטאדט געבעטען ר' יוסף'ן ער זאל פאהרען צום רוזשינער און מיט זיין וויסען צו צי נעהמען נאך פלאץ צום בית הקברות און פאר די טרחה זאל מען איהם אוועק געבען די פאר לייכטער אלס געשענק. ר' יוסף איז געפאהרען צום רוזשינער און איהם געבעטען ער זאל קומען צו פערברייטער'ן דאס בית עולם, און האט איהם צוגעזאגט די פאר זילבערנע לייכטערס וועלכע זענען מעהר ווערט ווי הונדערט רובל דער הרה"ק האט איהם צוגעזאגט, אז ווען ער וועט זיין געבען זיין שטאדט וועט ער דארט אהין קומען ר' יוסף איז צוריק אהיים געקומען אין עטליכע חדשים ארום זענען וויטער די שטאדט לייט געקומען צו ר' יוסף איהם בעטען ער זאל פאהרען צום רוזשינער בעטען ער זאל קומען אין זייער שטאדט אריין צוליעב דעם בית עולם, ר' יוסף איז געפאהרען אהין, און דער רוזשינער האט איהם צוגעזאגט, אז

די שטאָדט מעג זיין פערזיכערט אַז כל זמן ער וועט נישט קומען אין דער שטאָדט אַריין וועט קיינער נישט שטאַרבען, ר׳ יוסף האָט די תשובה דערצעהלט די שטאָדט־לייט, און אַזוי האָט געדויערט אַ גאַנץ יאָהר אַז קיינער איז נישט געשטאָרבען פון דער קהלה.

אין אַ יאָהר אַרום איז דאָרט אַהין געקומען הרה״ק ר׳ מאטעל׳י טשערנאָבלער און האָט אין דער שטאָדט גענעכטיגט, ר׳ יוסף איז דעמאָלט אין דער היים נישט געוועןַ, די שטאָדט־לייט זענען געקומען צו ר׳ מאָטעל׳ע טשערנאָבלער און איהם געבעטען ער זאָל זיין הסכמה געבען אויף צו פערברייטער׳ן דאָס בית עולם און דער פאַר וועלען זיי איהם געבען די פאָר זילבערנע לייכטער ה״ר מאטעל׳י איז בעשטאַנען דערויף, אַז מאָרגען וועט ער דאָס מאַכען און די גאַנצע שטאָדט זאָל גרייט זיין דערצו. די שטאָדט־לייט זענען געקומען צו ר׳ יוסף׳ן אין איהם ערצעהלט, אַז זיי האָבען שוין צוגעזאָגט דעם רבי ר׳ מאטעל׳י צו געבען די זילבערנע לייכטער. ר׳ יוסף אָבער האָט זיי נישט געוואָלט געבען די לייכטער מחמת ער האָט שוין געהאַט צוגעזאָגט צו געבען דעם רוזשינער זצ״ל און ער קאָן שוין נישט אַנדערש מאַכען, זענען די שטאָדט־לייט געגאַנגען צום רבי ר׳ מאָטעל׳י און איהם ערצעהלט אַז ר׳ יוסף וויל זיי נישט געבען די לייכטער האָט דער רבי ר׳ מאָטעל׳י געשיקט רופען ר׳ יוסף׳ן צו זיך, האָט ר׳ יוסף איהם געזאָגט, אַז ער קען שוין נישט אַנדערש מאַכען, ווייל ער האָט שוין איינמאָל צוגעזאָגט זיי צו געבען דעם רוזשינער ז״ל דער הרב ר׳ מאָטעל׳י האָט איהם צוויי דריי מאָל געזאָגט ער זאָל איהם זיי געבען און ר׳ יוסף האָט נישט געוואָלט איהם געבען די לייכטער ביז דער רבי ר׳ מאָטעל׳י איז אויף איהם בייז געוואָרען און האָט געזאָגט מיט כעס, הער אויס יוסף! אויב דו וועסט מיר ניט געבען די זילבערנע לייכטער וועסט דו דאָס היינטיגע יאָהר נישט אויסלעבען! איבער דער קללה איז ר׳ יוסף געפאָהרען צום רוזשינער ז״ל האָט איהם דער הרה״ק פון רוזשין ז״ל אַרויסגעגעבען אַ תשובה אַז ער זאָל זעהען, דאָס יעדער אורח וואָס וועט קומען אין דער שטאָדט זאָל ער איהם אַריינגעמען צו זיך אין שטוב איהם געבען עסען און טרינקען און שלאָפען אין די זאַך זאָל ער גיט אָבהיטען און דעם זכות פון די תקנה וועט ער ניצול ווערען פון די קללה פון ה״ר ר׳ מאָטעל׳י ז״ל, ווי ר׳ יוסף האָט געזעהען ווי האַרב די קללה איז אויך ביים רוזשינער זצ״ל האָט ער אָבגעהיטען וואָס ער האָט איהם געהייסען ער האָט קיין שום אורח נישט געלאָזט ערגיץ אַנדערש־וואו נעכטיגען נור ביי איהם, אין דעם זעלבען יאָהר האָט זיך געטראָפען אַז איין אורח האָט ביי איהם גענעכטיגט אין איז דאָרט קראַנק געוואָרען אין געשטאָרבען אין דעם ר׳ יוסף האָט גאָט ב״ה געהאָלפען, אַז דאָס גאַנצע יאָהר האָט איהם קיין שלעכטס געטראָפען. דעם רבי ר׳ מאָטעלי׳ס חסידים האָבען זייער

רבי׳ן דערצעהלט אַז ר׳ יוסף איז נאָך געזונד און לעבט אַז זיין קללה האָט איהם גאָר נישט געשאַדט, דער רבי ר״מ האָט זיך זעהר נעוואונדערט דערויף ביז ער האָט נאָך נעפאָרשט האָט ער נעוואָהר נעוואָרען, אַז איין אָרימאַן איז דאָרט געשטאָרבען דאַן האָט ער געזאָגט אַזאַ וואונדערליכע זאַך קען נור דער רוזשינער ער האָט צוגעשיקט זיין׳ס אַ מענש וואָס האָט געדאַרפט און דער איינער צייט שטאַרבען פון אַהייטקייט פון 200 מייל האָט ער איהם דאָ אַהערגעברענגט אין ר׳ יוסף׳ס הויז, און דורך די פעולה פון רוזשינער האָט יענער מענש אויסגעלייזט ר׳ יוספ׳ן, זיין זכות זאָל אונז בייש טעהען, אמן.

## יז

## אַ וואונדערליכע מעשה פון בעש״ט הקדוש זצ״ל.

די מעשה האָט דערצעהלט הרב ר׳ ישעיה דעם הרה״ק ר׳ שלמה קאָרלינער׳ס אַנ׳איניקעל מיט דעם לשון, „איך האָב דאָס געהערט דערצעהלען פון ר׳ ישעיה שו״ב פון אַדעס, און ער האָט דאָס געהערט דערצעהלען פון אַנ׳אַלטע יודענע בזה הלשון״,

ווען איך האָב געוואוינט ביי מיין שווער און שארינראד, האָט זיך איינמאָל געטראָפען, אַז זעהר אַנ׳אַלטע יודענע איז אַריינגעקומען אין מיין שווער׳ס הויז, און זיך אַנידערגעזעצט נעבען מיינע שוואָגער׳ס ווייבער, האָב איך געהערט, ווי די ווייבער האָהען איינע צו די צווייטע געזאָגט, אָט דאָס איז די באָבע פון די איניקלעך מחמת אין שארינראד זענען געווען אַלע בכבוד׳ע מענשען, וואָס מען האָט זיי גערופען איניקלעך איך האָב די זאַך גאָר נישט געקענט פערשטעהען, אַז אַ זעלכע אַלטע לייט זאָלען נאָך האָבען אַ באָבע, ווי די אַלטע האָט דערזעהען אַז איך לאַך, האָט זי געזאָגט, ווי עס זעהט אויס, ווייסט איהר גאָר נישט פון מיין מעשה, האָב איך צו איהר געזאָגט, אמת טאַקע, כ׳ווייס פון גאָרנישט און איך בעט אייך מיר זי צו ערצעהלען, האָט זי מיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען די מעשה.

ווען איך בין אַלט געוואָרען 10 יאָהר בין איך געוואָרען אַ יתומה פון פאָטער, און צו פערצעהן יאָהר האָב איך חתונה געהאַט, אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה איז מיין מאַן פון מיר אַוועקגעפאָהרען, און האָט

זיך און ווען געזאָמט אַ לאַנגע צייט כמעט אַ גאַנץ יאָהר האָבען די שכנים אָנגעהויבען צו טענה'ן מיט מיין מוטער פאַר וואָס שווייגסט דו, דיין טאָכטער וועט דאָך בלייבען נאָך אַן'עגונה פאָהר קיין מעזעבוז צום בעש״ט זצ״ל האָט זיא זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ ביז זי איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען בין איך שוין געבליבען אַיתומה אויך פון דער מוטער, איך האָב נישט מעהר געהאַט ווי איין מיידעלע, די שכנים האָבען מיך ווייטער אָנגעהויבען צו צורייִדען, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע עצה נור צו פאָהרען צום בעש״ט זצ״ל קיין מעזעבוז, איך בין אָבער געווען זעהר אַן'אָרימע און נישט געהאַט אויף די הוצאות, האָבען זיך די שכנים אויף מיר מרחם געווען און זענען געגאַנגען פאַר מיינעטוועגען צו זאַמענעמען אויף הוצאות, און האָבען נישט מעהר צוזאַמען גענומען ווי איין גילדען, דעם בעל-עגלה אַליין האָט מען אָבער געדאַרפט געבען 2 גילדען, דער בעל-עגלה האָט זיך אויך איבער מיר מרחם געווען און האָט נור גענומען איין גילדען און בין אַריינגעקומען קיין מעזעבוז פריהער האָב איך גערעכענט אַז מיין מאַן איז אין מעזעבוז און דער בעש״ט קען איהם וועט ער מיר באַלד זאָגען ווי ער איז, בין איך גלייך געגאַנגען צום רבי'ן און האָב נישט געוואוסט די פיהרונג אַז מען דאַרף דאָרט אָנגעבען אַ קוויטעל, אויך דער גבאי האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט צום רבין, ווייל איך האָט נישט געהאַט וואָס איהם צו געבען. בין איך געגאַנגען אין דער קעך אַריין און האָב צוגעהאָלפען די דיענסט קאָכען און באַקען, איך בין דאָרט געווען עטליכע טעג, די דיענסט האָט אויף מיר רחמנות געקריגען און האָט דערצעהלט די רביצע'ן מיין ביטע און פערלאַנג איך אַליין האָב אויך שטאַרק געבעטען די רביצ'ן, מען זאָל מיך אַריינלאָזען צום רבי'ן, און אַלע טעג בין איך געגאַנגען אַרום און דער שטאָדט זוכען מיין מאַן איך האָב אָבער איהם נישט געפינען צו מאָרגענ'ס האָט די רביצ'ן מיך אין ערגיץ נישט געלאָזט געהען און געהייסען דעם שרייבער מיר שרייבען אַקוויטעל און מיט מיר צוזאַמען אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן, דאָס איז געווען באַלד און דער פריה, איידער דער רבי האָט נאָך געלעגט די תפילין של ר״ת. און מיין קליין קינד האָב איך אויף די הענד געהאַלטען ווי דער רבי האָט געלייענט דאָס קוויטעל האָט ער געוויזען מיט זיינע הייליגע האַנד איך זאָל מיך דערווייטער'ן צו די טהיר צו און דער זעלבער צייט איז דער רבי געשטאַנען אָנגעלעהנט אויף די האַנד און געזאָגט די ווערטער: איך האָב געזוכט דיין מאַן אין אַלע וועלטען און האָב איהם נישט געפינען, דו ביסט איין עגונה און ווי לאַנג דו וועסט לעבען טאָרסט דו מיט קיינעם נישט חתונה האָבען.

ווי איך האָב דאָס געהערט האָב איך אָנגעהויבען שטאַרק צו וויינען, אויך מיין מיידעלע האָט ג'ביטער'ט און געוויינט, האָט ער ווייטער געוויזען מיט זיין הייליגע האַנד איך זאָל נישט וויינען, און האָט מיך

געפרעגט ווער איז דאס קינד ? האב איך געזאגט דאס איז מיין מייד־עלע, האט דער בעש״ט מיר געזאגט. איך האב זעהר רחמנות אויף דיר איך זאג דיר צו, דו וועסט זעהען אייניקלעך פון דעם קינד, ער־ליכע און בכבוד׳ע און נישט קיין אָרימע און דו וועסט מאריך ימים זיין, און אַז דו וועסט ווערען נאך לעבען וועסט דו לעבען. האב איך ישעיה זי געפרעגט וויפעל זי איז אַלט, האט זי אויסגערעכענט אַז זי איז אַלט יעצט הונדערט און זעקס אין צוואנציג יאהר, און האט זיך בשעת מעשה אָנגערופען, איך מיין עס איז שוין גענוג צו לעבען און איז טאַקע אין זעלבען יאהר געשטאָרבען, דעם בעש״ט׳ס זכות זאָל אויף אונז און כל ישראל מגין זיין אמן.

# יח

# אַ מַעֲשֶׂה נִפְלָא פון הרה״ק החסיד המפורסם ר׳ זוסיא זצ״ל פון אניפאלי.

דער שטיינער פון הרה״ק ר׳ זוסיא זצ״ל איז געווען, אַז נאָכ׳ן דאַווענען אין דער פריה, פלעגט ער נישט זאָגען זיין משמש ער זאָל איהם ברענגען צו עסען, נור ער האט אַליין געפלעגט אַזוי צו זאָגען רבונו של עולם! זוסיא איז הונגעריג. און וויל עסען, גיב איהם צו עסען, ווי דער משמש האט דערהערט, האט ער איהם געברענגט צו עסען. אַזוי איז געווען זיין שטענדיגליכער שטייגער, איינמאָל האָבען זיך די משמשים צווישען זיך אָבגעשמועסט. אַז כל זמן אַז דער רבי ר׳ זוסיא וועט זיי נישט זאָגען בפירוש זיי זאָלען איהם געבען עסען, זאָלען זיי איהם גאַרנישט געבען, און אויב ער בעט ביי גאָט ער זאָל איהם געבען צו עסען, זאָל איהם גאָט אַליין געבען און נישט דאָרף זיי, ביז ער וועט זיי בפירוש אַרוים זאָגען.

אין דער שטאָדט אַניפאָלי, ווען עס רעגענט איז אין די גאַסען גרויסע בלאָטעס, וויל די ערד פון דער שטאָדט איז זאַמדיגע ערד, מחמת דעם איז שווער אַדורך צו געהען דורך די בלאָטיגע גאַסען דעריבער איז אויסגעלייגט ברעטער, מען זאָל קע־נען אַדורך געהען פון איין גאַס און דער צווייטע, אין דעם איינענעם טאָג וואָס די משמשים האָבען זיך אָבגעשמועסט דאס צו טוהן, ווי עס איז אויבען בעשריבען, איז דער רבי געגאַנגען אין דער מקוה אַריין זיך טובל זיין פאר דעם דאַווענען, ווי זיין שטייגער איז געווען. איז

איהם אַקעגען געקומען אַ פרעמדער מענש, נישט פון דער שטאָדט.
און דער מענש האָט נישט געקענט דעם רבי׳ן ר׳ זוסיא, און האָבען
איינס דאָס אַנדערע בעגעגענט אויף די ברעטער, וועלכע זענען געלע=
גען אויסגעלייגט אויף דער בלאָטע, דער פרעמדער מענש, אַז ער
האָט געזעהען, אַז עס קומט איהם אַנטקעגען אַן׳אַלטער מאַן אָנגע=
טוהן נישט קיין שיינע מלבושים איז איהם געקומען אין געדאַנק אַריין
צו מאַכען פון איהם ס׳געלעכטער און האָט איהם אַראָפּגעשטופּט פון
די ברעטער אין דער בלאָטע אַריין דער רבי ר׳ זוסיא איז אַריינגעפאַלען
אין דער בלאָטע און זיך איינגערעכט די מלבושים, דער פרעמדער מע=
נש איז פון דערוויטענ׳ס געשטאַנען און געלאַכט אויס דעם אַלטען
ווען דער פרעמדער איז געקומען אין די אַכסניא אַריין האָט ער דער=
צעהלט מיט אַגעלעכטער וואָס ער האָט געטוהן מיט אַנ׳אַלטען פון
היער, דער בעל=הבית האָט איהם געפרעגט, ווער איז דאָס דער אַלטער?
האָט דער פרעמדער איהם געענטפערט, אַז ער קען נישט דעם אַלטען
נור ער האָט איהם אָבגעשילדערט אין סאַרע מלבושים און היטעל ער
נעהט אָנגעטוהן, ווי דער בעל=הבית האָט דאָס דערהערט, האָט ער
באַלד דערקענט אַז דאָס איז געווען דער רבי ר׳ זוסיא, וואָס נעהט
אָנגעטוהן אין אַזעלכע מלבושים און נעהט שטענדיג אַליין אָהן משמש,
דער בעל=הבית האָט אָנגעהויבען צו שרייען אויף דעם פרעמדען. וואָס
האָט איהר געטוהן? דאָס איז דאָך דער הייליגער צדיק ר׳ זוסיא ז״ל,
דער פרעמדער איז געוואָרען זעהר דערשראָקען אויף דעם וואָס ער
האָט אָנגעטוהן אַזאַ בזיון און שאַנדע דעם צדיק פאַר נאַרנישט. האָט
ער אָנגעהויבען צו בעטען ביים בעל=הבית ער זאָל איהם אַנ׳עצה געבען
וואָס צו טוהן אום צו איבערבעטען דעם צדיק, מחמת ער האָט זעהר
מורא געהאַט, פאַר דעם פערדראָס און עגמת=נפש פון רבי ר׳ זוסיא,
האָט איהם דער בעל=הבית געזאָגט, הערט מיך אויס! מיר ווייסען די
טבע פון דעם צדיק אַז באַלד נאָכ׳ן דאַווענען האָט ער ליעב טועם צו זיין
אַביסעל זיסען בראָנפען מיט אַשטיקעל צוקער=לעקיך, דעריבער איז מיין
עצה איהר זאָלט איהם ברענגען איין קוואַטירעל זיסען בראָנפען און
עטליכע שטיקלעך ציקער=לעקיך און דאָס אַריינברענגען אין צימער ווען
ער ענדיגט דאָס דאַווענען, און נאָכדעם ווי ער וועט האָבען זיך אָב=
געפאַרטיגט מיט זיין שיעור לערנען נאָכ׳ן דאַווענען, זאָלט איהר איהם
איבערבעטען וואָס איהר האָט זיך געגען איהם פערזינדיגט, און מיר
ווייסען שוין זיין גוטע טבע, אַז ער לאָזט זיך גרינג איבערבעטען, כן
הוה עס איז טאַקע אַזוי געווען, דער פרעמדער מענש האָט זיך דאָס
אַלץ אָנגעגרייט און דאָס געברענגט פאַר׳ן רבי׳ן, דאָס איז געווען אין
די זעלבע צייט ווען דער רבי האָט געזאָגט זיין געוועהנליכע שפריך
נאָכ׳ן דאַווענען, רבש״ע! זוסיא איז הונגעריג. ער וויל עסען גיב איהם צו
עסען, אַזוי האָט ער עטליכע מאָל געזאָגט, און די משמשים האָבען
איהם נישט געברענגט קיין עסען, אַזוי ווי זיי האָבען זיך פריהער

נעהאַט אָבגעשטועסט, פלוצלינג האָט דער פֿרעמדער מענש אויפֿגע=
עפענט די טהיר און געברענט מיט זיך מיט אַלעס וואָס ער האָט
נעהאַט אָנגעגרייט, זיסען בראָנפען און לעקיך, און האָט געבעטען דעם
רבי ר' זוסיא ז"ל ער זאָל איהם מוחל זיין, וואָס ער האָט געגען איהם
געזינדיגט, דער רבי האָט איהם מיט'ן גאַנצען האַרץ אַלעס מוחל געוועזן
און האָט טועם געוועזן פון וואָס דער פֿרעמדער האָט איהם געברענגט,
די משמשים האָבען זיך דערפון שטאַרק געוואונדערט און האָבען בע=
שטיינפערלעך אַיינגעזעהען אַז גאָט ב"ה איז איהם מזמין עסען, פון
דעטאָלט אָן האָבען זיי אויף זיך געגומען, אַלעס צו פאָלגען דעם
רבּין ר' זוסיא זצ"ל.